# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn


### Title
Bagrisungen Fun Institutsyes Un Yekhidim / Greetings From Institutions and Individuals


### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/3vm8b12q

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

### Publication Date
1978



### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# אַ פרייד און אַ יום-טוב

איך פריי זיך מיט דער ידיעה וועגן חבר אברהם גאַלאַמבס 90טן געבוירן־טאָג. „חבר גאַלאַמב"—אַזוי האָבן מיר אים אַלע גערופן אין ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר, ווייל ער איז געווען ניט בלויז אונדזער לערער נאָר אויך אונדזער חבר און פריינד. זיינע לעקציעס זיינען געווען פאַר אונדז תלמידים אַ פרייד, אַ יום־טוב.

אונדזערע שפּאַצירן אין פּושקאַרניע, אונדזער קאָלאָניע, אין די אָוונטן צום טייך ביים שיין פון דער לבנה, און אין אַלע ווינקעלעך פון דער קאָלאָניע, זיינען געווען פריידיקע פּאַסירונגען, וואָס האָבן אונדז געלערנט ווי אָפּצושאַצן די וווּנדערלעכע שיינקייט פון דער נאַטור. דאָס לערנען ביים חבר גאַלאַמב איז געווען פאַר אונדז ווי אַן אַנטפּלעקונג פון אַ נייער וועלט און די גרויסע ווונדער פון דער נאַטור. דאָס קענען מיר קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

דעריבער פריי איך זיך צו קענען ווינטשן אים מיטן גאַנצן האַרצן צו דערלעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי, מיין טייערע חברטע רבקה סאַוויטש.

אַזוינע לערערס זיינען ניט געווען און וועלן צום באַדויערן מער ניט זיין. אַ גרויסן דאַנק אייער פּעריאָדישע שריפט „חשבון" פאַרן אָרגאַניזירן די פייערונג צו מיין טייערן לערערס 90טן געבוירן־טאָג.

**פייגל סלאַוועס / פּאַריז**

---

שלינגען. דער מאָלדאַוואַן האָט מיטן גאַנצן כוח זיך אַרויפגעלייגט אויף די וועסלעס, שפּאַלטנדיק די צווי גרויסע כוואַליעס. מיט אַמאָל האָט אַ דריטע כוואַליע מיט אימפּעט אַ וואָרף געטאָן זיך אויפן שיפל און עס איבערגעקערט.

* * * * *

זומער 1921, ה'תרפ"א לבריאת העולם. קישינעוו, טויזנטער פּליטים פון אוקראַינע. אין בית החלוץ אין לייען־צימער זיצט אַ מאַן און לייענט אַ צייטונג. זיינע האָר גרוי, זיין שטערן פאַרקנייטשט. פּלוצלינג ווערט דער פּנים פאַרקרימט. דאָס בלאַט פאַלט אַרויס פון האַנט — — — — טייערינקע...

# אַ גרוס פון דער ווייטנס

עס איז פאַר מיר אַ כבוד און אַ פרייד צו באַגריסן אונדזער ליבן לערער, דענקער און שרייבער, צו זיין געבוירן־טאָג.

מען דאַרף קודם כל אָפּשאַצן די שיינקייט און די ווירדע מיט וועלכער אונדזער לערער אברהם גאַלאַמב טראָגט זיינע ניינציק יאָר—ביז הונדערט און צוואַנציק!

זיינע רייד און געדאַנקען זיינען אַריין אין די הערצער און מוחות פון זיינע תלמידים און געהאָלפן אויספאָרמירן זייער יידישע וועלט:

— איינגעפלאַנצט ליבע צו די קעגנשטאַנדן, וואָס מיר האָבן פון אים באַקומען.

— אַנגעצונדן אין אונדז דעם אידעאַל פון דערציען יידישע דורות, וועלכע וועלן אָפּהיטן דאָס יידישע לשון און די רייכע קולטור וואָס יידן האָבן אין דער שפּראַך געשאַפן.

ער איז געווען דער וועלכער האָט אונדז געלערנט צו שטעלן די ערשטע טריט אין אונדזער לערער־קאַריערע. ס'איז נאָר צו אונדזער ווייטאָגלעכן באַדויער, וואָס דורך אונדזער פאָלקס־חורבן איז פאַרשניטן געוואָרן אַ גרויסער טייל פון יידישן פאָלק, זיינען במילא נאָר געציילטע געבליבן פון זיינע געטרייע צוהערער־תלמידים.

זיינע תלמידים זיינען איבערגענומען געוואָרן מיט זיין מעטאָד, אַז לערנען און דערציען דאָס קינד איז איין גאַנצקייט. מיר האָבן באַקומען דעם אופן ווי אַזוי אַריינצודרינגען אין דער נשמה פון יידישן קינד, כדי צו דערקענען און דערגרונטעווען די פּערזענלעכקייט פון קינד.

אין די הייניטיקע טעג, ווען איך האָב שוין מיינע פּראַקטישע אַרבעטן אין שול און קינדערגאָרטן אויפגעגעבן — קומט מיר נאָך אַלץ אין מיין זכרון — ביי דער טעאָרעטישער אַרבעט אין שול—די מיינונגען און באַלויכטונגען, וואָס איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך פון דעם טייערן ייד—מיין לערער אברהם גאַלאַמב.

מיט די וואַרעמסטע ברכות פאַרן בעל־יובל — זאָלן געשטאַרקט זיין זיינע כוחות און פאַרלענגערט ווערן זיינע יאָרן!

**גענענדל קאַץ-וואַסערמאַן**
מעלבאָרן, אויסטראַליע

# מיין לע.רער

וואָס איז דער מענטש? איז ער נאָר פליש און ביינער, בלוט און חושים? יאָ, אַ טייל פון מענטש איז אַזוי, אָבער אויב נאָר דאָס איז וואָס עס איז דאָ אין אים, קען ער אָנגערופן ווערן אַ „ראָבאָט", אַן איראַציאָנעלער גוף, נישט קיין מענטש, ווייל עס פעלן אים אַלע אַטריבוטן וואָס מאַכן פון אַ מענטש — אַ מענטש: געפילן, נשמה, לערע און קענטשאַפט.

במשך פון דעם לעבן פון מענטש זאַפּט ער אין זיך איין די דאָזיקע זאַכן דורך פאַרשיידענע שטראָמען, פריער פון טאַטע־מאַמע און משפחה־מיטגלידער, שפּעטער פון חברים, שכנים, לערער און פריינד. איניקע לאָזן איבער אין גאַנג פון לעבן אַ שטאַרקע השפּעה, אַנדערע — אַ שוואַכערע.

איך בין אַ מענטש מיט מזל: אויף מיין וועג אין לעבן האָב איך געטראָפן איינעם פון די מענטשן וואָס האָט מיך פיל געלערנט; ער אַליין — אַ הומאַניסט, האָט מיר געלערנט ליבע און רעספּעקט פאַרן מענטש, ייד און נישט־ייד, און ספּעציעל פאַר אונדזערע אייגענע — אונדזערע נביאים, אונדזערע ליטעראַטן, שרייבערס, פּאָעטן און קולטור־מענטשן. ער אַליין האָט געפילט, און מיר איבערגעגעבן אַ גרויסן רעספּעקט פאַרן בורא עולם און פאַר קרעאַטיוויטעט און שעפערישקייט. שטענדיק האָט ער אונדז געלערנט אַז מען דאַרף זוכן אַ סיבה פאַר יעדער זאַך, אויך אין דער נאַטור; אין וויסנשאַפטלעכע דערשיינונגען דאַרף מען זיך שטעלן פראַגעס, פאָרשן און זוכן צו געפינען דעם פּאַסיקן ענטפער.

און ספּעציעל האָט ער מיר געלערנט ליבע פאַר אַלץ וואָס שמעקט מיט יידישקייט: קולטור, טראַדיציע, אונדזער פאָלק און אונדזער לאַנד.

נו, איך האָב עס שוין געזאָגט פריער: איך בין אַ מענטש מיט מזל — אויף מיין וועג אין לעבן האָב איך געטראָפן מיין ליבן לערער: אברהם גאָלאָמב, זאָל ער זיין געבענטשט עד מאה ועשרים!

זיין אייביקע תלמידה,

## פריידל גראַפּאַ סיעלאַק
מעקסיקאָ

---

## פייגל אָרטענשטיין און אירע טעכטער: פּערל און ריסא

אברהם גאָלאָמבס תלמידות — באַגריסן דעם בעל־היובל. מיר זיינען פול מיט זכרונות און בענקשאַפט נאָך אונדזערע גוטע יאָרן.

---

צו דער רעדאַקציע פון „חשבון":

אַ דאַנק אייך פאַר דער גליקלעכער איניציאַטיוו צו ווידמען אַ ספּעציעלע אויסגאַבע פון „חשבון" לכבוד דעם 90טן געבוירן־יאָר פון דעם וווּנדערלעכן פּעדאַגאָג, טיפן יידישן דענקער און קאָליר־פולער פּערזענלעכקייט, אברהם גאָלאָמב.

איך האָב געהאַט בדעה אָנצושרייבן אַ קאַפּיטל זכרונות פון יענע יאָרן, ווען איך האָב אין ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר זיך געפונען אונטער דער געבענטשטער דערציערישער השפּעה פון מיין גרויסן רבין אברהם גאָלאָמב. לײדער קען איך דאָס איצט ניט טאָן צוליב אומפאָרויסגעזעענע סיבות און איך מוז זיך באַנוגענען מיט אָט דער קורצער באַגריסונג:

ליבער לערער, חבר און פריינד, אברהם גאָלאָמב:

איך באַגריס אייך האַרציק און מיט פרייד צו אייער ווערן אַ בן־תשעים — עד מאה ועשרים, און איך ווינטש אייך אַ סך געזונט און כוח צו קענען נאָך פיל יאָרן ממשיך זיין צו באַרייכערן אונדזער דענקען, טראַכטן און פילן מיט דער זעלבער גייסטיקער גבורה און שפּרודלדיקער שעפערישקייט, ווי איר האָט דאָס געטאָן ביז איצט.

אייער בלב ונפש,

## פסח טאַבאַק
ריאָ דע זשאַנעיראָ, בראַזיל

# מיט ליבשאַפט און דרך ארץ

מיט ליבשאַפט און דרך־ארץ באַגריסן מיר אונדזער מיטאַרבעטער אין „חשבון", דעם זקן־הסופרים און מורה דרך, **אברהם גאָלאָמב**, צו זיין נײַנציקסטן געבורטסטאָג.

דאָס וואָרט „זקן", תרתי משמע, ווי די חז"ל דריקן זיך אויס: זקן, זה שקנה חכמה. איר, אברהם גאָלאָמב, האָט איבערגעלעבט דעם חורבן פון אונדזער פאָלק און לשון, אָבער איר האָט אויך דערלעבט דעם צוריקקער צו יידיש. אייערע פעסימיסטישע פראַגן ווערן איצט טיילווייז און ביסלעכווייז פאַרענטפערט מיט דעם דראַנג פון דער יידישער יוגנט צוריק צו די יידישע וואָרצלען און זיך צו לערנען יידיש. אויך די קאָנפערענץ פאַר יידיש אין ירושלים איז אַ לעבעדיקער סימן פון אָט דעם דראַנג.

עס איז מקוים געוואָרן דער פסוק: וכל העם רואים את הקולות ואת הלפידים ... וירא העם „וינועו", און ס'האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. אמת עס זיינען נאָך געבליבן אַ סך „ויעמדו מרחוקניקעס", אָבער אויך זיי, האָפן מיר, וועלן מיט דער צייט איינזען אַז אָן יידיש קען קיין יידיש פאָלק ניט זיין. מען קען דערפאַר זאָגן: „יש שכר לפעולתך."

דער תלמודישער אויסדרוק: „תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתם מתישבת עליהם" איז בנוגע צו אייך ניט קיין מליצה, נאָר אַ פאַקט. אייערע וואָגיקסטע שאַפונגען, הן אין כמות הן אין איכות, זיינען געשאַפן געוואָרן אין די לעצטע עטלעכע און דרייסיק יאָר, ועוד ידך נטויה. דער שבח וואָס די תורה האָט געגעבן משהן: „לא כהתה עינו ולא נס ליחו" — איז אויך חל אויף אייך.

מיר די פאַרוואַלטונג פון „חשבון", טשעפען צו נאָך אַ בלום אין אייער לאַץ און ווינטשן אייך יאָרן פון געזונט און כוח, איר זאָלט קענען אָנהאַלטן אייער שעפערישקייט נאָך פאַר אַ סך, אַ סך יאָרן.

אויך ווינטשן מיר אייער פרוי **רבקה** אַ רפואה שלימה.

אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג,

**העניך בערמאַן**

---

## דאַנק אויסדרוק!

די פאַרוואַלטונג פון „חשבון" דריקט אויס אַ באמת פאַרדינטן דאַנק די פריינד פון מעקסיקאָ: עקיבא קלעצל, אסתר גראַפאַ, אַניטאַ רודמאַן וואַרנאַמיעצקי און גאָלאָמבס תלמידה פריידל גראַפאַ סעיעלאַק, פאַר זייער מי און הילף אין דערמעגלעכן אַז מעקסיקאָ זאָל זיין אַזוי פיין רעפּרעזענטירט אין דעם ספּעציעלן אברהם גאָלאָמב נומער „חשבון" און דערמיט געהאָלפן מעגלעך מאַכן אַז דער יובל־נומער זאָל דערשיינען.

**פאַרוואַלטונג פון „חשבון"**

---

**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**
**בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:**

**G. FRYDMAN**

337½ North Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048
Phone: 655-1292

פאַרוואַלטונג „חשבון"

# אשכנזישע קהילה אין מעקסיקע
# נדחי־ישראל
## הקהילה האשכנזית במכסיקו

MEXICO 7, D.F.

Acapulco 70—2o. Piso Tels. 514-20-85 — 514-17-59


דעם לערער, דענקער און שרייבער אברהם גאָלאָמב צו זיין ווערן אַ בן-תשעים שיקט די אַשכנזישע קהילה „נדחי ישראל" אין מעקסיקע אירע האַרציקסטע ברכות.

דער פריינד אברהם גאָלאָמב געהערט צו די אויסדערוויילטע יחידים אויף וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרן:

„געבענטשט זיינען די וועמענס עלטער פאַרשעמט ניט זייער יוגנט."

אברהם גאָלאָמבס לעבנס-וועג איז אַ כסדרדיקער קאַמף פאַר יידישער קולטור, פאַר יידישער אייגנאַרטיקייט, פאַר יידישן קיום און המשך.

די אשכנזישע קהילה „נדחי ישראל" ווינטש אים נאָך פיל פיל יאָרן פון געזונט און שעפערישקייט.

טוביה מייזעל
פאָרזיצער פון קולטור־דעפאַרטמענט

שמשון פעלדמאַן
ראש הקהל

טוביה נאַנעס
גענעראַל סעקרעטאַר